בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שלח תשע"ח | שבת מברכין | פרקי אבות פרק ג | גליון 459 [שנה י']

**וואס מיינט כשרים היו?**

שְׁלַח־לְךָ אֲנָשִׁים: (י"ג א') שטייט אין רש"י ד"ה אנשים: כל אנשים שבמקרא לשון חשיבות ואותה שעה כשרים היו. איז לכאורה שווער וואס וויל רש"י אויסדריקן אז זיי זענען געוועזן חשוב און אין יענע שעה זענען זיי געווען כשרים? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט א ווארט פון הייליגן אריז"ל, אז די צען מרגלים זענען געווען נשמות פון צען הייליגע שבטים, און מיט דעם פארשטייט מען פארוואס ווען די צען ברידער זענען געקומען צו יוסף הצדיק האט ער זיי מרמז געווען מרגלים אתם: (בראשית מ"ב ט') וואס לכאורה איז שווער אויף יוסף ער זאל זאגן א ליגן אז זיי זענען מרגלים! נאר יוסף האט געזאגט דעם אמת ווייל איר וועט שפעטער זיין מרגלים אין א אנדערן גילגול. אבער די ברידער האבן נישט פארשטאנען וואס יוסף מיינט, האבן זיי געענטפערט: לא היו עבדיך מרגלים (שם י"א). עס איז נישט אמת! אבער פונדעסטוועגן האבן זיי געענטפערט מיט רוח הקודש: לא היו עבדיך, יעצט זענען מיר נאך נישט מרגלים, אבער מיר וועלן טאקע זיין שפעטער, מיט דעם קען מען פארשטיין וואס רש"י זאגט, מען האט זיי אנגערופן אנשים, זיי זענען באמת געווען חשוב ווייל זיי זענען געווען נשמת השבטים און "כשרים היו", אמאל זענען זיי געווען כשרים, ווייל זיי זענען געווען די הייליגע שבטים. (עמודיה שבעה סלוצק)

**כפל הלשון אִישׁ אֶחָד אִישׁ אֶחָד**

אִישׁ אֶחָד אִישׁ אֶחָד לְמַטֵּה אֲבֹתָיו תִּשְׁלָחוּ כֹּל נָשִׂיא בָהֶם: (יג ב) דארף מען פארשטיין דער כפל הלשון אִישׁ אֶחָד אִישׁ אֶחָד? קען מען מרמז זיין לויט וואס חז"ל זאגן אז די נשמות פון די הייליגע שבטים זענען מיט געגאנגען מיט די מרגלים יעדע נשמה פון די שבטים מיטן נשיא פון זיין שבט כדי זיי צו היטן פון חטא און פון ארויסגעבן שלעכטע רייד אויף ארץ ישראל, נאר דער שטן האט מצליח געווען ע"כ. דעריבער שטייט א כפל לשון אִישׁ אֶחָד אִישׁ אֶחָד, איין איש מיינט די מרגלים, און איין איש מיינט די נשמה פון די הייליגע שבט, און מיט דעם איז אויך גוט וואס שטייט ווייטער אין די פסוקים וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה וגו' כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הֵמָּה: וואס לכאורה דא איז אויך א כפל הלשון, אֲנָשִׁים און רָאשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל! נאר לויט פריערט איז גוט, ווייל אֲנָשִׁים גייט ארויף אויף די מרגלים, און די רָאשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מיינט די הייליגע שבטים בני יעקב. (דברי חיים – ר' חיים דַמרי מג'רבא)

**מיט'ן קוקן אליין איז געווארן שיריים**

וּרְאִיתֶם אֶת־הָאָרֶץ מַה־הִוא: (יג יח) דער הייליגער צדיק ר' אברהם יהושע פריינד דער נאסאדער רב –א תלמיד פון מהר"ם שיק בנגלה, און בחסידות פון הייליגן דברי יחזקאל משינאווא, און דער הייליגן ייטב לב, נפ' י"א אלול תרצ"ב– איז אמאל געווען אין שטאט קראלי פ' שלח, און רבינו הקדוש ר' יואל מסאטמאר זי"ע וואס איז דעמאלטס געווען רב אין קראלי, איז געגאנגען באזוכן דעם נאסאדער רב. מען האט אנגעגרייט א טאץ מיט פירות פאר די צוויי גרויסע צדיקים. נאך איידער די צדיקים האבן טועם געווען פון די פרוכט איז געווארן א כאפעניש וואס די בחורים האבן געוואלט כאפן שיריים. האט זיך דער נאסאדער רב אנגערופן צו די בחורים: פארוואס כאפט איר? עס איז דאך נאך נישט קיין שיריים? האט צו אים רבינו יואל מסאטמאר זי"ע געזאגט: אז עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז א צדיק גיט נאר א קוק אויף די עסן ווערט דאס שוין שיריים! און דער נאסאדער רב איז געווארן בארוהיגט, און האט שטארק משבח געווען דעם ווארט, און גלייך געזאגט צום רבין, אז וואס ער האט געזאגט איז מרומז אין די וואכנדיגן פרשה: וּרְאִיתֶם אֶת־הָאָרֶץ מַה־הִוא: מיט'ן קוקן אליין טוט מען שוין אויף. (שמעתי)

**וַיִּשְׁלַח מיינט באגלייט!**

וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה: (י"ג י"ז) עס איז זייער שווער פארוואס שטייט וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה אז משה האט זיי געשיקט, בשעת עס שטייט שוין צוויי מאל אז ער האט זיי געשיקט. איינ'ס וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה מִמִּדְבַּר פָּארָן (פסוק ג) און איינ'ס אֵלֶּה שְׁמוֹת הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־שָׁלַח מֹשֶׁה (פסוק ט"ז)? נאר דער טייטש פון וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה, מיינט ער האט זיי באגלייט, ווייל זיי גייען אין א מקום סכנה דארפן זיי א שמירה. ע"כ דברי האור החיים הק' [ונ"ל המו"ל, אז מען קען ברענגען א ראי' לשיטתו אז וַיִּשְׁלַח מיינט באגלייטן: ווייל אין פ' בשלח שטייט ויהי בשלח פרעגט דער אור החיים הק' פארוואס שטייט ויהי א לשון צער? און ער ענטפערט ווייל מיר זען אין גמ' סנהדרין אז נבוכדנצר האט באקומען שכר פאר באגלייטן די אידן ממילא אויב פרעה וואלט באגלייט די אידן וואלט ער באקומען שכר נאר ווייל מען איז נישט געגאנגען די קורצערע וועג האט פרעה זיי נישט באגלייט. זעט מען אז שלח קען מיינען באגלייטן. דאס איז געווען דא וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה. זיי באגלייט.] (אור החיים הק')

**דרוש - אמאל שטייט יהושע מיט כלב און אמאל שטייט נאר כלב אליין**

וְעַבְדִּי כָלֵב עֵקֶב הָיְתָה רוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ וַיְמַלֵּא אַחֲרָי וַהֲבִיאֹתִיו אֶל־הָאָרֶץ: (י"ד כ"ד) פרעגט דער רמב"ן און אור החיים הק' פארוואס שטייט נישט דערמאנט יהושע דא? אויך אין פרשת דברים (א ל"ו) שטייט "זוּלָתִי כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה הוּא יִרְאֶנָּה וְלוֹ אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ" שטייט אויך נישט דערמאנט יהושע! נאר דעם הייליגן חיד"א (ספר נחל קדומים) ברענגט דער פסוק (דברים א כ"ה) וַיִּקְחוּ בְיָדָם מִפְּרִי הָאָרֶץ וגו' וַיֹּאמְרוּ טוֹבָה הָאָרֶץ וגו': זאגט רש"י ווער האט געזאגט טוֹבָה הָאָרֶץ? יהושע וְכָלֵב. צו פארשטיין פארוואס מוז רש"י זאגן אז זיי געווען יהושע און כָלֵב? נאר וויבאלד די צען מרגלים האבן גערעדט קעגן ארץ ישראל און זיי זענען רוֹב דארף מען זיי גלויבן, אבער ווייל כָלֵב איז געווען מיט יהושע איז געווארן צוויי עדות וואס זאגן טוֹבָה הָאָרֶץ, און תְּרֵי כְּמֵאָה, –הונדערט עדות איז פונקט ווי צוויי עדות– איז דא דער דין פון תְּרֵי וּתְרֵי –ווען צוויי עדות זענען זיך סותר– גייט מען נאך די חזקה אז טוֹבָה הָאָרֶץ, ווייל דער אויבערשטער האט אליין געזאגט וָאֵרֵד לְהַצִּילוֹ מִיַּד מִצְרַיִם, וּלְהַעֲלֹתוֹ מִן הָאָרֶץ הַהִוא אֶל "אֶרֶץ טוֹבָה" וּרְחָבָה אֶל אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ: (שמות יג ט) קומט אויס ווען נאר יהושע זאגט גוטס אויף ארץ ישראל וואלט מען געדארפט גלויבן די אנדערע מרגלים ווייל זיי זענען רוב, אבער מיט כלב צוזאמען איז שוין דא דער דין פון תְּרֵי כְּמֵאָה, און די מרגלים זענען שוין נישט באגלויבט ווייל מיר גייען יעצט בתר חזקה ע"כ דברי החיד"א. מיט דעם קען מען מסביר זיין פארוואס שטייט דא נאר כלב און נישט יהושע? ווייל דא רעדט מען נאר וועגן אז כלב האט זיך משלים געווען צו די עדות: "וַיְמַלֵּא אַחֲרָי" און יַעַן אֲשֶׁר מִלֵּא אַחֲרֵי ה', דעריבער דארף מען נישט דערמאנען יהושע דא, און כלב האט יעצט דערפילט אז עס זאל זיין צוויי עדות אז טוֹבָה הָאָרֶץ ווערט שוין תְּרֵי וּתְרֵי און מען גייט נאך חזקה. (אבני קדוש אביטבול ירושלים תרצ"ד)

## מדור העובדות
## רבי עזריאל פון פאליצק מחברייא פון הייליגן בעש"ט וויל זיך טרעפן מיט די צדיקים נסתרים

הצדיק הקדוש רבי עזריאל מפאליצק זצוק"ל איז געווען פון די חבריא פון הייליגן בעש"ט און דער מגיד ממעזריטש זיע"א. איינמאל איז ער אנגעקומען אין א שטעטל לעבן לעמבערג. און איז אריין אין די שטאט שול און ער האט געזען א מוכר ספרים וואס האט אויסגעשטעלט אויפן טיש און בענקלאך זיינע ספרים און ר' עזריאל גייט צו און באטראכט די ספרים און ער זעט א קליין ספר קרניים - **וואס איז מיוחס צו רבי יצחק בן הראב"ד אדער רבי מקרדינא און המקובל רבי שמשון אסטראפאלי איז דאס מפרש** -. רבי עזריאל האט זיך געפריידט אז ער וועט יעצט קענען קויפן א ספר וואס ער זוכט שוין א לענגערע צייט, אבער ווען ער פרעגט דעם מוכר ספרים די פרייז פון ספר זאגט ער אים עס איז א יקר מציאות און בעט א גאר הויכן פרייז. רבי עזריאל פרובירט האנדלען אבער דער מוכר האלט זיין פרייז, נו! אזעלכע געלט האט ער נישט געהאט און איז אוועק אין שטאט זוכן ביי באקאנטע צו שאפן די נויטיגע געלט.

ווען ער האט געהאט די גאנצע געלט פארן ספר איז ער געלאפן בשמחה צום מוכר ספרים, און ער זעט אז דער מוכר פאקט שוין אוועק זיינע ספרים. זאגט רבי עזריאל איך האב געברענגט געלט פארן ספר וואס איך האב געוואלט, דער מוכר פרובירט צו געדענקן וועלכע ספר דאס איז געווען, און ווען ער האט זיך דערמאנט רופט ער זיך אן אַ! די ספר קרניים? אוי! א שעה צוריק איז געקומען א בעל עגלה און געקויפט דעם ספר פַארן פוּלן פרייז און גארנישט געהאנדלט! רבי עזריאל זאגט: א בעל עגלה וואס קויפט אזא ספר מוז דאך זיין איינע פון די צדיקים נסתרים, און ער וויל זיך טרעפן מיט אים, און רבי עזריאל בעט דעם מוכר ספרים ער זאל אים אויסמָשְׁלֶן ווי אזוי דער בעל עגלה זעהט אויס, און דער מוכר ספרים זאגט אים קלאר אלעס. רבי עזריאל דאנקט אים און גייט פרובירן נאך צו גיין ווער איז דער בעל עגלה. און ער האט אויסגעפונען וואו ער וואוינט.

רבי עזריאל גייט שנעל צום הויז פון בעל עגלה און ער זעט איינעם אויספאקן זיינע פעקלאך פון וואגן און רבי עזריאל גייט צו צו אים און זאגט איך האב געהערט אז איר האט געקויפט א ספר קרניים און איך האב דאס געוואלט פאר מיר, און איך בין דאס גרייט צו קויפן פון אייך און געבן ריוח. דער בעל עגלה זאגט שטרענגערהייט: וואס האב איך מיט ספרים! זעסט נישט איך האב געארבעט שווער היינט און דו פארדרייסט מיר א קאפ? לאז מיר אפ און נעמט זיין בייטש און גיט א שטארקן פייף און זאגט טאמער גייסטו נישט אוועק פון מיר וועל איך דיר לערנען מיט מיין בייטש! רבי עזריאל האט געמאכט פליטה נישט ווילן כאפן קיין קלעפ.

רבי עזריאל האט זיך נישט מייאש געווען און איז געגאנגען צום רב פון שטאט און דערציילט וואס איז געשען און אז ביי אים אין שטאט איז דא א בעל עגלה פון די צדיקים נסתרים און האט געבעטן פון רב אז ער זאל קומען מיט אים צום הויז פון בעל עגלה וואס איז זיכער פון די ל"ו צדיקים און אים בעטן, אדער פארקויפן דעם ספר אדער ער זאל לערנען מיט מיר, דער רב איז אויך געווען גרויס אין קבלה, האט געזאגט אז ער איז מסכים און אפשר וועט ער זיך אויך משתתף זיין אין דעם שיעור. רבי עזריאל מיטן רב זענען געגאנגען צום הויז פון בעל עגלה און צו זייער וואונדער איז די הויז געווען אויסגעליידיגט פון אלעם, זיי האבן געזוכט אין הויז און געטראפן באהאלטענע טרעפ צו אראפגיין אין קעלער וואס דארטן איז געווען א טיש וואס דער בעל עגלה האט זיכער געלערנט אויף דעם מיט זיינע חברייא!

רבי עזריאל מיטן רב האבן פארשטאנען אז דער צדיק נסתר איז דערווייל געגאנגען קיין לעמבערג וואו דארטן איז געווען א גרויסע הכנסת אורחים הויז און רבי עזריאל האט געזאגט ער וועט אים דארטן אפזוכן. רבי עזריאל איז אריין אין הכנסת אורחים און זיך געזעצט ביי א טיש אזוי ווי אלע ארחי פרחי און קוקט זיך ארום און זעט ווי א ארחי פרחי זעצט זיך אוועק מיט זיין פעקל אויף זיין אקסל און אין א פאר מינוט קומט אריין יענער בעל עגלה און די ארחי פרחי שטעלט זיך אויף פארן בעל עגלה מיט דרך ארץ און דער בעל עגלה קומט צו צום טיש פון ארחי פרחי און פריידט זיך צו זען זיין חבר און זעצט זיך לעבן אים. רבי עזריאל ווערט אים קאלט אין די אלע ביינער ווייל יעצט האט ער שוין זוכה געווען צו זען נאך א צדיק נסתר.

רבי עזריאל פרובירט זיך צו באהאלטן פון די אויגן פון בעל עגלה און הערט זיך איין וואס די צוויי צדיקים נסתרים רעדן צווישן זיך, דער בעל עגלה פרעגט זיין חבר וואו ער איז געווען לעצטנ'ס און פון וואו קומט ער יעצט? און ער ענטפערט אז ער איז יעצט געווען אין אניפאלי ביי רבי ר' זושא. פרעגט אים דער בעל עגלה וואס האסטו דארטן געזוכט? ענטפערט דער ארחי פרחי, "איך האב אים געוואלט קענען און שעפן פון אים יראת שמים!" פרעגט אים דער בעל עגלה וואס האסטו געזען? און האסטו דען געשעפט פון אים יראת שמים? האט ער געענטפערט אז איך האב געשעפט פולע הויפנ'ס יראת שמים!

רבי עזריאל ווערט אויסער זיך צו הערן אזעלכע ווערטער און האט אויפגעהויבן זיין קאפ ווען פלוצלינג גיט דער בעל עגלה א שטילע געשריי "אוי ואבוי! פון דעם איד זוך איך דאך צו אנטלויפן, און רבי עזריאל ווען ער האט געהערט די געשריי האט זיין קאפ אנגעהויבן זיך צו שווינדלן און איז אראפ געפאלן א פאר חלש'טער! אין צימער האט מען באמערקט ווי רבי עזריאל איז אין אזא מצב האט מען אים פרובירט צו דערמינטערן, און צום סוף איז ער געקומען צו זיך. אבער ווען ער איז שוין געווען ביי זיך האט ער געזען ווי די צוויי צדיקים זענען שוין פארשוואונדען און אנטלאפן פון דארט. רבי עזריאל האט שוין פארשטאנען אז די צדיקים נסתרים ווילן זיך נישט נתגלה ווערן צו אים און מען וויל נישט פון אויבן אז ער זאל זיך טרעפן מיט זיי, איז ער אהיים געפארן קיין פאליצק.

דער הייליגער בעש"ט פלעגט שיקן רבי ליב שרה'ס זצ"ל צו מפרנס זיין די צדיקים נסתרים, איינמאל האט רבי עזריאל געבעטן מיטצופארן? רבי ליב שרה'ס האט מסכים געווען בתנאי ער וועט זיצן אין וואגן ווען ער גייט צו די צדיקים. זיי זענען געפארן קיין בארדיטשוב און זיך אפגעשטעלט ביי א שטוב פון א שניידער. א שיינער וואגן שטייט אינדרויסן פון הויז, האבן זיי געפרעגט דעם בעל עגלה ווער איז אריין אין שטוב? האט ער געענטפערט אז הרה"ק ר' מרדכי, מגיד פון טשערנאביל איז אריין פארעכטן זיין טלית קטן וואס האט זיך צוריסן. האט זיך רבי ליב שרה'ס אנגערופן צו רבי עזריאל אז דאס איז זיין סימן אז דער מגיד פון טשערנאביל וועט אים באלד איבערנעמען. און אין א קורצע צייט איז רבי ליב שרה'ס נסתלק געווארן און דער מגיד פון טשערנאביל האט איבערגענומען דעם תפקיד פון מפרנס זיין די צדיקים נסתרים. אבער ר' עזריאל האט זיך צום סוף נישט געטראפן מיט זיי זיע"א.

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן***

בריוו פון הרה"ק ר' מענדל מסטריקוב $3000, לאנגע בריוו פון הר' יחזקאל ליבשיץ בעל המדרש והמעשה $1500 מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר זוסמאן פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, ספר כתנות האיפוד דפו"ר $1000, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $500, ספר דברי אליהו חזן שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר $1000, ספר וואס האט באלאנגט צו הרה"צ ר' יענק'לע פשעווארסק ,$900 ספר מליצי אש ג' כרכים $200, סעט ליקוטי מהרי"א עה"ת והש"ס $150, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגווער רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 *,ספר בנימין זאב באלאנגט צו תפארת שלמה ראדאמסק, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, פרי עץ חיים קארעץ שייך לר' ליבר בהרב און אלטע הגהות בקבלה כת"י $2000*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***